בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

## מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

**מיוחד, פירסום ראשון:**

שיחת התעוררות ביחד עם

## הרה"ח ר' שמואל שפירא זצ"ל

בעת סעודת משתה היין ביום הפורים שנת תשל"ו

קונטרס ח' פרשת תצוה כי תשא (פורים) תשע"ח

# תוכן השיעור

**אז בקול רעש גדול...**

**עד "דלא" ידע...**

**"רבי נתן" האט געוואוסט...**

**אבער "דער רבי"...!!!**

**די "אכסניה" פונעם צדיק...**

**ברוך אלוקינו שהבדילנו...**

**התהלך עמו בתמימות!**

**א פרומע בלאט – א "בלאט גמרא"...**

**"וואס האבן מיר צו שמועסן פון אנדערע לייט"?!**

**"אנגעקלאגט" דעם יצר הרע!...**

**נעם ארויס א ספר און שוין!...**

בסייעתא דשמיא סידרנו קו מיוחד להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**(+1)-641-715-3800 ואחר כך #718902**

לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש **18**

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלים בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס

מאנסי, נוא יארק

**(+1) 845-200-0443**

כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא
**וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;
**Rlyb148@gmail.com**

בס"ד

# ~ שיחה בעת סעודת משתה היין ~

# מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל

ביחד עם

# עם הרה"ח ר' שמואל שפירא זצ"ל

(פורים שנת תשל"ו, בשול מאה שערים)

## אז בקול רעש גדול...

**ר' שמואל שפירא:**

(חסר ההתחלה, כנראה שר' שמואל מספר בשם אחד מאנ"ש, שפעם אחד דיבר מוהרנ"ת מנוראות גדולת רביז"ל, ונכח שם אחד מחבריו משאר תלמידי רביז"ל שתמה על דבריו ואמר לו)

"רבי נתן, וואס רעש'ט איר אזוי פון רבי'ן"?!

כאטש ס'איז געווען ר' יודל[א] פריער ---

**ר' לוי יצחק בענדער:**

"ר' שמואל יצחק דער רב"[ב] האט אזוי געזאגט צו ר' נתן --

**ר' שמואל ממשיך:**

-- וואס רעש'ט איר אזוי פון רבי'ן?! עס איז דאך געווען דא ר' יודל, ער האט אויך גערעדט פון רבי'ן, אבער ער האט נישט אזוי גע'רעש'ט?!

**ר' לוי יצחק:**

ער האט נישט אזוי געזאגט - נו נו --

**ר' שמואל:**

- אזוי פלעגט ער דערציילן - האט ר' נתן געזאגט; איצטער רעש'ט זיך פון רבין?! "אז בקול רעש גדול"! אז משיח וועט קומען, וועט ווערן מקויים "ואת רוח

---

[א] ר' יודל מ'דאשוב זצ"ל אב"ד מעדוועדיווקע, מגדולי תלמידי רביז"ל.

[ב] ר' שמואל יצחק ראזנפעלד זצ"ל אב"ד טשערין, מגדולי תלמידי רביז"ל.

הטומאה אעביר מן הארץ" (זכריה י"ג ב'), דעמאלטס וועט זיך רעש'ן פונעם רבי'ן!!! - - - אזוי פלעגט ער עם שטענדיג פארציילן.

ר' לוי יצחק;

יא, אבער ער האט משלב געווען צוויי מעשיות, דער דיבור פון 'אז בקול רעש גדול' איז אויך א אמת'ע דיבור, נאר אבער נישט דא.

בשעת ווען ר' שמואל יצחק האט א זאג געגעבן צו ר' נתנ'ען די ווערטער "מיר האבן פונעם רבי'ן נישט אזוי געהערט"! - אזוי 'שארף' האט ער איהם געזאגט - "איר רעדט אזעלכע זאכן וואס מיר האבן פונעם רבי'ן נישט אזוי געהערט"! (היינו מהפלגת גדולת רביז"ל), איז רבי נתן געבליבן שטיין, ער האט געהאט חלישות הדעת.

האט זיך אנגערופן איינער (מאנשי מוהרנ"ת ז"ל); **רבי נתן, וואס הערט איר איהם?! איך האב געהערט פון אייך אז דער רבי האט געזאגט "איך וועל זאגן אזא מין שיר, וואס ס'וועט זיין די גן עדן פון כל הצדיקים"!!**[ג] - "וואס הערט איר איהם?!" - איז ר' נתן געווארן שטארק! (נתחזק שוב בדעתו).

ער האט זיך דערמאנט אזא מין דיבור, אז דער רבי האט אזוי געזאגט "אז ער האט אזא מין ניגון וואס דער ניגון וועט זיין די גן עדן של כל הצדיקים"!!

דאס איז געווען שבת, און אויף דער נאכט איז געווען קינות, איכה, (שהיה אז תשעה באב בליל מוצאי שבת), ביינאכט ביי קינות - ר' נתן פלעגט זיך פארשליסן ביי קינות ביז אינדערפרי, א גאנצע נאכט און א גאנצע טאג (היה מקונן), נאר געכאפט דארט א דרימל.

איז ער (ר' שמואל יצחק) אדורכגעגאנגען, נאכן קינות פון דער שול דארטן, ר' נתן איז געווען אין א קעלער און געזאגט קינות, האט ער זיך אפגעשטעלט דארט, און געהערט (איך שמוהרנ"ת מרבה לקונן בבכי תמרורים, אמר על זה ר' שמואל יצחק); **"אזוי?!"** -

[ג] עי' חיי מוהר"ן אות מ"ג בסופו, ובהשמטות שם אות רס"ו ואות ש"מ. ועי' ליקוטי הלכות הל' קריאת התורה ו' אות ה' ואות ז'.

**זאגט ער - "אויב ער זאגט אזוי קינות, האט ער אינעם רבי'ן אן אנדערן געפיל! אויפ'ן רבי'ן קלאגט ער!!!"[ד]**

האט ער שוין געזעהן אויף די קינות אז דאס קלאגט ער אויפן רבי'ן! ער האט שוין דערקענט אין די קינות אז דאס קלאגט ער - אויפ'ן רבי'ן קלאגט ער! איז ביי איהם געווארן ניחא דאס וואס ס'איז געווען ביי איהם בייטאג אזוי דאס - - (מה שהיה תמוה אצלו על דברי מוהרנ"ת בגדולת רביז"ל ביום שבת העבר).

ר' שמואל;

- - ביי ר' שמואל יצחק?!

ר' לוי יצחק;

ביי ר' שמואל יצחק - וואס ער האט געהערט אזוי זאגן (הקינות של מוהרנ"ת, ואמר על זה); "דאס זאגט ער דאך אויפ'ן רבי'ן קינות!"

ער האט געזעהן אז זיי האבן נישט דעם געפיל אינעם רבי'ן, זיי זאלן אזוי קלאגן אויפ'ן רבי'ן ווי ער קלאגט![ה]

דאס איז געווען (המעשה הנ"ל)! די מעשה פון "אז בקול רעש גדול" דאס איז א אנדערע מעשה, דאס האט ער משלב געווען צוויי מעשיות צוזאמען, ס'איז א אנדערע דיבור געווען.

דעמאלטס (בשבת שקודם תשעה באב הנ"ל) איז געווען וואס ער האט א זאג געגעבן צו רבי נתן'ען; "מיר האבן פונעם רבי'ן דאס נישט געהערט"! שארף געזאגט!

ער איז מקורב געווארן פריער (פון רבי נתן), האט רבי נתן געשוויגן, ער האט געהאט חלישות הדעת דערפון, ווארום ער האט געהאט פאר איהם דרך ארץ, ער איז געווען א עלטערער תלמיד.[ו]

האט זיך אנגערופן איינער; וואס הערט איר איהם?! וואס הערט איר איהם - רבי נתן?! מיר האבן געהערט פון אייך אז איר האט געזאגט, אז דער רבי האט

---

[ד] עי' תו' ס"ז תנינא, ובלקוטי הלכות הל' תפילין ז' ובהל' בציעת הפת ו' אות פ' באריכות, שהעלמת אור הצדיק וחורבן בית המקדש תלויין זה בזה, ועל זה אנו מתאבלין בחצות ובקינות וכו', עיי"ש.

[ה] עי' ימי מוהרנ"ת חלק א' אות ס"ו, עה"פ עיני עוללה לנפשי מכל בנות עירי וכו'.

[ו] עי' פרפראות לחכמה תו' ס"א אות י"ח.

געזאגט, "איך וועל זאגן א ניגון וואס ער וועט זיין דער גן עדן של כל הצדיקים"! ער האט זיך דערמאנט אין דעם דיבור איז ער געווארן צוריק - - - (נתחזק מוהרנ"ת בדעתו)[ז].

*

# עד "דלא" ידע...

ר' לוי יצחק;

שמואל! שמואל! אה, עס קומט אייך א ישר כח, ר' שמואל! עס קומט אייך א גרויסן ישר כח! - -

ר' שמואל, א גאנץ יאר האלט איר אין זיך, גיבט איצטער ארויס'עט, **'בלבי צפנתי אמרתך'**! זאגט, זאגט! נו, מען וויל עפעס הערן ר' שמואל!

ר' שמואל;

איך האב גארנישט! לייזיג אינגאנצן!

ר' לוי יצחק;

אה, איר האט גארנישט? אז איר האט גארנישט - דער גרעסטער מדריגה אז מען ווייסט אז מען האט גארנישט! דער גרעסטער מדריגה, אז איר ווייסט אז איר האט גארנישט![ח] אה! ווי איז מען זוכה צו וויסן אז מען איז גארנישט?!

אחד מהנוכחים;

עד 'דלא' ידע! עד 'דלא' ידע![ט]

---

[ז] עי' שיח שרפי קודש חלק ז' אות ס"ג.

[ח] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ס"ג; ... אֲבָל כָּל מַה שֶּׁמִּתְקָרֵב יוֹתֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, צָרִיךְ לְהִתְרַחֵק יוֹתֵר. הַיְנוּ כָּל מַה שֶּׁמִּתְקָרֵב יוֹתֵר, צָרִיךְ לֵידַע שֶׁהוּא רָחוֹק מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. כִּי אִם יַחֲשֹׁב וִידַמֶּה בְּדַעְתּוֹ שֶׁכְּבָר נִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְיוֹדֵעַ בִּידִיעוֹת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, זֶה סִימָן שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלוּם וכו', עיי"ש.

[ט] עי' לקו"ה נפילת אפים ד' אות ז'; ... וּצְרִיכִין לְהַגְדִּיל הַשִּׂמְחָה, עַד שֶׁיִּזְכֶּה עַל יְדֵי הַשִּׁכְרוּת וְהַשִּׂמְחָה שֶׁל פּוּרִים, לָבֹא לִבְחִינַת "תַּכְלִית הַיְדִיעָה אֲשֶׁר לֹא נֵדַע", שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת "עַד דְּלֹא יָדַע" וְכוּ'...

ר' לוי יצחק;

איר זענט געווען ברוך השםביים רבי'ן אויפ'ן ציון (ר' שמואל ז"ל נסע על הציון במסירות נפש בשנת תשל"א בעת שהיה מסוגר תחת ממשלת הקאמוניסטן ימ"ש) - זענט איר געווען - ברוך השם! זייט פריילעך!!! און תמיד געדענקען!

איך דארף אייך געבן א גרויסן ישר כח, פאר'ן היינטיגן תענית (אסתר) - האט איר געהאט א חלק, און בכלל דארטן - - (לא נשמע ברור, נראה הכוונה שהלכו להתפלל באיזה ממקומות הקדושים), איר זענט געווען, מעורר געווען דעם עולם, מען האט מרבה געווען בתפילה - אויך א "נקודה טובה"! דארפט איר זיך אויך מחיה זיין!

(ר' שמואל; שבע ברכות וועט זיין איצטער, ס'איז דא דער חתן דא, יא שבע ברכות, אוודאי, וואס דען?! איך האב געפרעגט פריער דעם חתן, האט ער געזאגט ס'וועט זיין שבע ברכות!)

*

ר' לוי יצחק;

וואס טוט מען ר' שמואל, על פי חוק פון די רפואה טאר איך גארנישט טרונקען, גארנישט, וואס זאל איך טוהן? עס שטייט דאך "חייב"?! איך טאר גארנישט טרונקען, אויף שבת מאך איך אביסל ראזשינקע וויין, נו, וואס זאל איך טוהן?

ר' שמואל;

- - - ער איז א גדול (לא נשמע על מי הכוונה) פרעגט איהם אנ'עט!

ר' לוי יצחק;

דאס וועט ער געווים נישט טוהן (להתיר לשתות)!

ר' שמואל;

אפשר יא?! איר זעהט דאך - - - (לא נשמע ברור) ביי אייך איז געווען א 'ודאי' אז ער וועט זאגן אויף נישט, און דער אויבערשטער האט געהאלפן אז ער האט געזאגט יא! אפשר - - -

ר' לוי יצחק;

ער וועט אויסלאכן - -

ר' שמואל;

איר דארפט איהם זאגן אז ביי אונזערע חסידים איז עם אן 'עיקר'![1] איז אפשר וועט ער געפונען א עצה?!

ר' לוי יצחק;

איך קען דאך נישט! דער איידעם זאל איהם זאגן?! דער איידעם וויל אויך נישט אז איך זאל טרונקען! וועט ער איר איהם נישט וועלן זאגן...

ר' שמואל;

אפשר יא - -

*

ר' לוי יצחק;

נו, זעצט זיך אוועק ר' שמואל.

ר' שמואל;

- - - (לא ברור, נראה שר' שמואל מתרעם על מה שר' לוי יצחק קורא אותו בתואר "ר'")

ר' לוי יצחק;

אייער זיידע איז דאך געווען א רב אין קאוונע, יא?! היינט איז "ר'" א גארנישט, היינט איז "מורינו ורבינו" אויך א גארנישט...

*

ר' שמואל, אז זי (הכלה) איז נישט דא, קען מען זאגן שבע ברכות?

ר' שמואל;

איך ווייס?! וואס פסק'נט איר?

ר' לוי יצחק;

היינט זענט איר רב!

(א' מהנוכחים; "א פורים רב"!)

ר' שמואל;

נישט אויף קיין ברכות! א ברכה לבטלה?!

---

[1] עי' כוכבי אור - ששון ושמחה בחידושים אות א' בהג"ה אות כ"א.

* * *

# "רבי נתן" האט געוואוסט...

ר' לוי יצחק:

אזוי האב איך געהערט - אז דעם פרייטאג צונאכט'ס וואס רבי נתן איז שוין געווען לאחר פטירה, האט "ר' אהרן דער רב"[יא] געזאגט: מיר האבן אלע געוואוסט אז ווען דער רבי האט געזאגט "ויהושע בן נון מלא רוח חכמה, כי סמך משה את ידיו עליו" (ליקוטי מוהר"ן תו' ז' תניינא בסוף), **האבן מיר געוואוסט אז דאס האט ער געמיינט 'איהם'** (- מוהרנ"ת)**!!!**[יב]

ווען דער רבי האט געזאגט 'ויהושע בן נון מלא רוח חכמה כי סמך משה את ידיו עליו', האבן מיר אלע געוואוסט אז דער רבי האט געמיינט איהם!

האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געזאגט: ער האט זיך אבער דערמאנט צו שפעט! ער האט דאס ווען גענדארפט זאגן בחייו: "אז מיר האבן אלע געוואוסט" - - (כנ"ל), וואלט ווען געווען גאר עפעס אנדערש! ![יג]

רבי נתן האט געזאגט: נאר איך אליין קענען וואוינען מיט "ר' אהרן דער רב" אין איין שטאט![יד]

*

מען זעהט דאך ארוים - דער גאנצער השארה פונעם רבי'ן איז נאר דורך רבי נתנ'ען, רבי שמואל אייזיק איז געווען "ר' שמואל אייזיק", רבי יודל איז געווען "ר'

---

[יא] אב"ד ברסלב, מגדולי תלמידי רביז"ל.

[יב] עי' פרפראות לחכמה (מרבי נחמן אב"ד טשערין, בן בנו של רבי אהרן אב"ד ברסלב הנ"ל), תו' ו' אות ט"ו, תו' ס"א אות י"ז, תו' ז' תניינא אות כ"ו וכ"ח, עיי"ש היטב.

[יג] עי' בפרפראות לחכמה הנ"ל תו' ס"א אות י"ח.

[יד] מובא בשיח שרפי קודש ח"ב אות תרי"ב וז"ל: מוּבָא בְּסֵפֶר הַמִּדּוֹת (אות מְרִיבָה מ"ט) "קָשֶׁה לִשְׁנֵי גְּדוֹלִים שֶׁיָּדוּרוּ בְּעִיר אַחַת, עַד שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם אֱמֶת", וּפַעַם אָמַר מוֹהֲרְנַ"תְּ: "אֲנִי יָכוֹל לָדוּר עִם רַבִּי אַהֲרֹן הָרַב מִבְּרַסְלֶב בְּעִיר אַחַת", "אִיךְ קֶען וואוֹינֶען מִיטְן רָב צוּזַאמֶען אִין אֵיין שְׁטָאט", הַיְינוּ כִּי מוֹהַרְנַ"תְּ בְּשִׁפְלוּתוֹ הַגְּדוֹלָה יָכוֹל הָיָה לִחְיוֹת עִמּוֹ יַחַד בְּשָׁלוֹם אַף עַל פִּי שֶׁהָיוּ שְׁנֵיהֶם גְּדוֹלִים.

יודל", און אלע זענען געווען (מגדולי וחשובי תלמידי רביז"ל), נאר אז ס'זאל בלייבן אויף דער וועלט דעם רבי'נס זאך - "איז נאר רבי נתן"![טו]

(איז דאס) א סימן אז ער האט פון רבי'ן מער געוואוסט - מער פון אלע! איהם האט דער אויבערשטער געהאלפן!

מיר דארפן האבן אמונה, מיר דארפן 'גלייבן'! ער האט 'געוואוסט' - און מיר דארפן 'גלייבן'!

(שומעים השבע ברכות)

*

ר' שמואל;

ס'קומט פרייטאג צונאכט'ס מאך איך "קידוש", און איך מאך "הבדלה", דאס מאכט מען! ווייל די איבריגע זאכן בלייבט גארנישט איבער (מכל עניני העולם הזה לא נשאר כלום לעתיד לבוא), נאר דאס וואס מען מאכט "הבדלה", מען מאכט "קידוש" - דאס בלייבט איבער! נאר דערווייל - (כאפט מען אריין נקודות טובות).[טז]

*

# אבער "דער רבי"...!!!

ר' שמואל;

ר' נפתלי כהן[יז] פלעגט שטענדיג דערציילן, אז רבי נתן האט זיך אמאל שטארק צורעדט פון רבי'ן - צופייערט פון רבי'ן - נאכדעם האט ער אנגעהויבן צו זאגן אזוי; "אדם הראשון" איז געווען א חידוש נפלא, א גרויסער חידוש, "יציר כפיו של הקדוש ברוך הוא"! (- - -)

נאכדעם האט ער געזאגט; "אברהם אבינו" איז געווען א גרויסע חידוש, דער "ראש למאמינים" דער "ראש לנימולים"! (- - -)

---

[טו] עי' עלים לתרופה מכתב ע"ר; ... וַעֲדַיִן יֵשׁ הַרְבֵּה לְדַבֵּר בָּזֶה בְּאֹפֶן שֶׁתָּבִינוּ בְּעַצְמְכֶם אֵיךְ לְהִתְחַזֵּק לְקַיֵּם זֹאת לַהֲפֹךְ הַכֹּל לְשִׂמְחָה, אֲשֶׁר חַסְדּוֹ גָּבַר עָלֵינוּ כָּל כָּךְ לֵידַע הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, שֶׁלֹּא יִשָּׁאֵר מֵהָאָדָם כְּלוּם רַק מְעַט הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת שֶׁחוֹטֵף מִזֶּה הָעוֹלָם הָעוֹבֵר כְּהֶרֶף עַיִן... ועיי"ש עוד הרבה כעי"ז.

[טז] עי' הקדמת עלים לתרופה. ובכוכבי אור - חכמה ובינה אות כ"א בהג"ה אות ל"ב.

[יז] מחשובי אנ"ש, עלה והתיישב בארץ ישראל, היה חותנו של ראבר"ן ז"ל בזווגו השני.

אזוי האט גערעכנט אסאך צדיקים (- - -)

ביז ער האט אזוי אנגעהויבן צו פייער'ן - אזוי צו ברענען פון רבי'ן, אז ער האט געמוזט זיך אויסציהען צו די באלאטעם זיך אפצוקילן די הארץ, זיך אפצוקילן די הארץ פון די גרויסע התלהבות!!

אזוי פלעגט שטענדיג דערציילן דער ר' נפתלי כהן - פון רבי נתן, אסאך מאל האט ער דאס דערציילט - אז ר' נתן האט זיך איינמאל שטארק צורעדט פון רבי'ן, האט ער אזוי גערעדט - -

*

(אחד הנוכחים: השי"ת זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו זיין אין אומאן! ר' שמואל: אמן!

אחד שואל מר' שמואל: א "ברכה"! ר' שמואל: א ברכה?! דו ביסט דאך א כהן, בענטש מיר! הכהן מברך: יברכך ה' וישמרך וכו', דער אויבערשטער זאל העלפן וכו'. ר' שמואל: ישר כח, ישר כח! תזכו למצוות! הכהן מבקש: יעצט גיבט מיר א ברכה?! ר' שמואל: ואני אברכם! די תורה האט מבטיח געווען אז די כהנים וועלן בענטשן אידן וועט דער אויבערשטער זיי בענטשן, שוין, דארף מען א בעסערע הבטחה?! דער אויבערשטער אליין בענטשט! הכהן אומר: דאס איז בכלליות אבער בפרטיות דארף - - - ר' שמואל: בפרטיות אויכעט! דער אויבערשטער בענטשט בכלליות, ער בענטשט בפרטיות, אלדינגס - "כל הברכות"! הכהן: אמן!)

*

ר' לוי יצחק:

ר' שמואל, אידן ווילן הערן א ווארט פון אייך, זאג עפעס א ווארט! שמואל, מען וויל דאך הערן, זאג עפעס א ווארט!

*

# די "אכסניה" פונעם צדיק...

ר' לוי יצחק ממשיך:

דעם רבי'נס טאכטער חיה'לקע איז געקומען אמאל צופארן אויף פורים קיין ברסלב, דעמאלטס איז ר' נחמן[יח] געווען א קליין אינגעלע, האט זי איהם מיטגעברענגט מיט זיך, זי איז איינגעשטאנען אין א איינפאר (אכסניה), יענער האט

[יח] בנו של מרת חיה בת רביז"ל, מכונה ר' נחמן חיה'לעס. מוזכר פעמים רבות במכתבי מוהרנ"ת.

געהייסן ר' מרדכי[יט], ער איז געווען פון די דריי גבירים וואס זיי פלעגן דעם רבי'ן דארטן תומך זיין, ער האט געהאט א אכסניה דארט, איז זי איינגעשטאנען ביי דעם מרדכי.

האט מען געזאגט צו רבי נתנ'ען, אז "חיה'לקע איז געקומען מיט נחמנ'יו, און שטייט איין ביי מרדכי'ן"! האט זיך אנגערופן רבי נתן; **אזוי איז, פורים שטייט איין נחמן ביי "מרדכי", פסח שטייט ער איין ביי דער אור פון "פסח", אזוי איז יעדער יו"ט וואס ס'קומט - דארטן שטייט איין דער רבי!!**[כ]

אז ס'איז געקומען חיה'לקע מיט נחמן, און שטייט איין ביי מרדכי'ן - (אמר מוהרנ"ת -) "אזוי איז, פורים שטייט איין נחמן ביי מרדכי'ן, אז ס'קומט פסח שטייט ער איין דארטן, שטייט ער איין דארטן! ווי ס'קומט עפעס א יו"ט האט דער רבי דארט א אכסניה - דארטן שטייט ער איין"!

*

דערפאר האט ר' נתן געזאגט (בפעם אחרת); "(אויף פסח וועט זיין, אבער) **ווי נעמט מען דעם פסח אליין"?! האט ער געמיינט טאקע "ווי נעמט מען דעם רבי'ן אליין"?!** - ווי נעמט מען דעם פסח אליין?! אלעס (איז טאקע דא)! **אבער ווי נעמט מען דעם רבי'ן אליין?!**

רבי נתן האט גענומען דעם רבי'ן אליין! דעם רבי'ן אליין האט ער גענומען, ער האט אזויפיל מקיים געווען דעם רבי'נס דיבורים, אלעס, אבער ער האט טאקע גענומען - דעם רבי'ן אליין געהאט ביי זיך!! אזוי ממש - - -

*

# ברוך אלוקינו שהבדילנו...

**אחד שואל;**

דאס איז אלץ אז מען איז שוין מקורב צום רבי'ן, אבער ווי ווערט מען מקורב?

---

[יט] ר' מרדכי רוטנזייט ז"ל, עי' שיש"ק ח"ג אות קע"ה.

[כ] עי' תו' קל"ה; ... עִקַּר כֹּחַ קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב הוּא תָּלוּי בַּצַּדִּיקִים וכו', עיי"ש.

ר' לוי יצחק:

"אז מען איז נאר נישט קיין מתנגד, דארף מען שוין זיין פריילך"![כא]

דערפאר האט דער רבי א זאג געגעבן צו רבי נתנ'ען: "אויף מיר וואלט איר געקריגט?! איר וואלט דאך געווען משונה'נע מתנגדים"![כב]

ר' שמואל:

פארוואס וואלטן זיי געווען משונה'נע מתנגדים? פארוואס?!

ר' לוי יצחק:

ווייל זיי זענען דאך געווען ערליכע אידן![כג]

ר' שמואל:

- - אה! ווייל זיי זענען געווען "פרום" - דאס לייג איך צו אלע מאל - דעריבער מהאי טעמא דער דאזיגער חולק איז געווען א גרויסער פרומער! (ר' לוי יצחק: א פרומער, יא), דעריבער איז ער געווען אזא חולק, אזא מתנגד! (ר' לוי יצחק: א פרומער, אוודאי). זיי זענען היינט אויכעט זייער פרום, זיי האבן - אסאך פרומקייטן האבן זיי! (ר' לוי יצחק: יא, יא), די - - - זיי האבן אסאך פרומקייטן, דעריבער זענען זיי שטארקע מתנגדים!

ר' לוי יצחק:

מען קען גארנישט רעדן מיט זיי, "קבלות", מען טאר נישט רעדן! א קבלה, קבלות!

אז יענער איז פרום קען מען מיט איהם גארנישט רעדן, א "קבלה" און שוין! א קבלה! ער ווערט נישט נתפעל פון גארנישט! א קבלה, ער האט "קבלות"...[כד]

*

---

[כא] ע' חיי מוהר"ן אות נ', ובמכתבי מוהרנ"ת הרבה; ע' עלים לתרופה מכתב ט', ק"כ, קנ"ו, ועוד.

[כב] ע' חיי מוהר"ן אות נ' הנ"ל, בסופו.

[כג] ע' ליקוטי הלכות הל' רבית ה' אות כ' באריכות, הענין שיש לפעמים צדיקים גדולים שמחמת מדת האמת שיש בהם - הם חולקים על הצדיק האמת הגדול במעלה מאוד, שאין משיגין את דרכו וכו', עיי"ש.

[כד] ע' ליקוטי הלכות הל' גניבה ה' אות ז' ח', על הפסוק "לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך" וגו'.

ר' לוי יצחק ממשיך;

שוין, מיר דארפן זיין גוט פרייליך אז מען איז נישט קיין מתנגד אויפ'ן רבי'ן! מיר וואלטן געווען אויפ'ן רבי'ן מתנגדים, מיר וואלטן ווען גערעדט אויפ'ן רבי'ן אזוי ווי זיי רעדן - חלילה חלילה געווארפן די ספרים, צורייסן די ספרים[כה]! קען מען באמת זיין פרייליך אז ברוך השם - -

דאס האט דער רבי געזאגט צו ר' נתנ'ען; "איר וואלט דאך געווען משונה'נע מתנגדים"! זיי זענען דאך געווען פרומע יונגעלייט!

- - "שמחה" איז א כלי[כו]! נאר טוהן די זאך - זיין אזויפיל פרייליך וואס מען איז נישט קיין מתנגד! באמת - דאס אליין וועט ברענגען צו "קיום העצות" אויך![כז]

אזויפיל ארומגיין מיט א שמחה, "דאנקען גאט, איך בין נישט קיין מתנגד אויפ'ן רבי'ן"! די שמחה אליין ברענגט שוין - רעדט דער רבי אין תורה י' אין די אנדערע חלק - עם ברענגט צו "ישוב הדעת"![כח]

מיר האבן א "שמחה" - מיר זענען נישט קיין מתנגדים אויפ'ן רבי'ן! כסדר ארומגיין טאג אין נאכט - דאנקען גאט, איך בין נישט קיין מתנגד אויפ'ן רבי'ן! מען געפונט זיך דא אין דעם עולם - און נישט קיין מתנגד אויפן רבי'ן! אזעלכע גרויסע גרויסע מענטשן - מתנגדים - איך בין נישט קיין מתנגד אויפ'ן רבי'ן! שוין - ברוך השם - איך ווארף נישט די ספרים, די ספרים זענען ביי מיר אין שטוב!

*

---

[כה] מובא במכתבי מוהרנ"ת הרבה, עי' עלים לתרופה מכתב צ"א, קע"ב, ק"פ, ועוד.

[כו] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ס"ה אות ד'; ... והשמחה הוא כלי אל חידושין דאורייתא וכו', עיי"ש.

[כז] עי' בליקוטי מוהר"ן תו' כ"ה אות ה'; ... גַּם דַּע שֶׁכְּדֵי לְהַכְנִיעַ הַקְלִפָּה הַמְסַבֶּבֶת שֶׁבְּכָל מַדְרֵגָה כַּנַּ"ל, עַל זֶה צָרִיךְ שֶׁיְּעוֹרֵר שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה עַל עַצְמוֹ. הַיְנוּ שֶׁיִּשְׂמַח עַל יְדֵי שֶׁיִּזְכֹּר שֶׁזָּכָה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְזָכָה לְהִתְקָרֵב לַצַּדִּיקִים הַמְקָרְבִין אוֹתוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ...

[כח] עי' ליקו"מ תניינא תו' י'; מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם 'יִשּׁוּב הַדַּעַת' ... אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ ...

# התהלך עמו בתמימות!

איינער איז געווען אין טעפליק ער האט געהייסן נחום קאַהן[כט], ער איז געווען בעצם פון ר' אברהם ר' נחמן'ס מענטשן, ער האט זיך אריין געכאפט זיך אין השכלה (בצעירותו), ביז ר' אברהם ר' נחמן'ס האט איהם ארויסגענומען פון די השכלה, האט ער אויפגעהערט צו קוקן אין די ספרים (ספרים חיצונים והשכלה)! - - נאכדעם איז ער א גרויסער ערליכער איד געווען!

ער איז נפטר געווארן אין דער נאכט פון סוכות, האט ער אזוי געזאגט פאר די פטירה - די ווערטער; "צו איך האב געלערנט דעם רבי'נס ספר וויפיל איך האב באדארפט - ווייס איך נישט! (אבער) דארט ווי דער רבי האט געהייסן 'נישט קוקן' (בספרים הנ"ל) האב איך נישט געקוקט"! - דאס האט ער גערעדט פאר'ן הסתלקות.

ר' אברהם ר' נחמן'ס - ער האט געקענט ארויסנעמען!

*

"נייחא ר' אבא'לעס"[ל] איז געווען א געוואלדיגער - ער איז געוואלדיג געלעגן אין השכלה, ער איז געווען געוואלדיג געכאפט אין השכלה, מיט איהם האט זיך געפארעט דער טשעהרינ'ער רב, ער האט איהם אביסל א טובה געטוהן, אבער נישט אינגאנצן.

ר' פנחס יהושע[לא] האט געשריבן צו איהם א שיר, מיט דעם שיר האט ער איהם אויך אביסל גע'פועל'ט.

אבער אינגאנצען האט איהם ארויסגענומען "ר' אברהם ר' נחמן'ס", ער האט איהם ארויסגענומען פון די השכלה!

*

---

[כט] עי' שיח שרפי קודש ה' אות רפ"ה.

[ל] שמו המלא; ר' נחמן ב"ר אברהם ייבין, נכדו של ר' אבא'לע מטשעהרין (אביו היה חתנו של ר' אבא). עי' שיח שרפי קודש ד' אות תקפ"ז.

[לא] ר' פנחס יהושע מ'טשערין ז"ל, מגדולי תלמידי מוהרנ"ת ז"ל.

דער אויבערשטער זאל אפהיטן, אז ס'איז דא א רעיון פון 'השכלה', ס'איז אזא 'אבן נגף' אז דער אויבערשטער זאל אפהיטן! ס'קען גארנישט זיין קיין אמונה גלייך, ס'קען גארנישט זיין קיין גלייכע אמונה, דער אמונה קען גארנישט זיין גלייך - אז ס'איז דא א רעיון פון השכלה![לב]

איינער האט אמאל געזאגט - איינער פון אונזערע מענטשן - האט אמאל געזאגט צו אן "גרויסן חסיד", וואס ער איז נישט געקומען אפילו לקרסוליו! א גרויסע חסיד, א מחדש, פון אונזערע לייט! ווייל ער האט געוואוסט אז ער (החסיד הגדול) האט דארטן געקוקט (בספרים שאינם טובים) - זאגט ער איהם; "איך האב אמונה אינעם רבי'ן מער פון אייך" - זאגט ער - "פון וואנעט איז געדרינגען?! ווייל איך האב נישט געקוקט, און איר האט יא געקוקט"!

"איך האב אמונה אינעם רבי'ן גרעסערער פון אייך! פון וואנעט איז געדרינגען?! ווייל איך האב נישט געקוקט, און איר האט יא געקוקט"!!

איך האב יענעם געקענט, יענער איז געווען א מענטש - א 'געוואלד', נאר ער האט געקוקט דארטן!

"אז איך האב 'נישט געקוקט' און איר האט 'יא געקוקט' - האב איך אמונה אינעם רבי'ן - א גרעסערע אמונה פון אייך"!

ברוך השם מיר קוקן נישט אין די ספרים!

*

אחד מהנוכחים;

ס'איז נישט קיין נסיון בזמן הזה!

ר' לוי יצחק;

ס'איז נישט קיין נסיון?! ס'איז נישט קיין נסיון זאגט ער! דער אויבערשטער זאל אפהיטן!!!

---

[לב] עי' שיחות הר"ן אות ה', וחיי מוהר"ן אות ת"ט, ועוד, מגודל הסכנה להאמונה הקדושה למי שמביט בספרי המחקרים למיניהם.

ר' שמואל;

די בלעטער, די בלעטער, מיט די ביכלאך! "די טרייף פסול"! רבי נתן האט געזאגט "אלפים ורבבות"[לג], היינט דארף מען זאגן "מיליאנען"!!

יעדן טאג קומט ארויס'עט ביכלאך, מיט בלעטער, צענדליגער טויזנטער גייט ארוים יעדן טאג!!!

ר' לוי יצחק;

"אז מיר האבן נישט קיין נסיון" - טאר מען אויך נישט זאגן!

מען דארף זיך מחיה זיין - מיר זענען פול מיט נסיונות - "נאר דאנקען גאט אז מיט'ן כח פונעם רבי'ן דערווייטערט מען זיך פון זיי"! מען קוקט נישט, ברוך השם ברוך השם!!

ר' שמואל;

ברוך השם! נאר דער כח פון רבי'ן!

אזוי איז דאך "שאני מינות דמשכא", שאני מינות דמשכא, שאני מינות דמשכא, אזוי זאגט די גמרא (עבו"ז דף כ"ז ע"ב); "שאני מינות דמשכא"! די בלעטער - די ביכלעך האבן א "כח המושך", זיי ציהען צו![לד]

עס איז נישט דא קיין עצה - "נאר דער רבי איז די עצה"! דער רבי - דער רבי קען מציל זיין!!

*

# א פרומע בלאט – א "בלאט גמרא"...

ר' לוי יצחק;

ר' שמואל, איר האט געקענט ר' ישעי' חשין?

ר' שמואל;

יא, ס'איז א שאלה?! נו, ער איז געווען אונזער חזן!

---

[לג] עי' במכתב הסתלקות מוהרנ"ת ז"ל; ... נוּא, אַז עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵּייט אַוֶועק, אוּן טְרֵייף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אַזוֹי פִּיעל וִוי סֶע הַיינְט דָא "אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵייף פָּסוּל", נָאר אִיךְ הָאף, אַז אֵיין בְּלֶעטִיל פוּן סִפְרֵי רַבֵּינוּ וֶועט זַיין אַ תִּקּוּן אוֹף אַלְדִינְג...

[לד] עי' שיחות הר"ן אות ה'; ... כי טבע כל אדם נמשך אחר וכו', עיי"ש.

ר' לוי יצחק;

אז ס'איז ארויסגעקומען די - - (איזה מכתב-עת שיצא לאור ע"י קהילת היראים), האט ער עם אריינגעבראכט צו זיך אין שטוב, האט זי (אשתו ע"ה) געזאגט; "וואס איז דאס"?! זאגט ער; "דאס איז א פרומע בלאט"! זאגט זי; "א פרומע בלאט איז א בלאט גמרא"!! שוין ארויסגעווארפן, ארויסגעווארפן! - -

ר' שמואל;

גערעכט גערעכט, הונדערט פראצענט, הונדערט פראצענט!

פון וועמען האט איר דאס געהערט?

ר' לוי יצחק;

איך האב דאס געהערט - דאכט זיך מיר - פון ר' זאב חשין, פון די משפחה!

ר' שמואל;

זייער גוט, זייער גוט!

ר' לוי יצחק;

ער איז געווען דא דער רבי פון אלע קינדער - -

ר' שמואל;

- ר' נחמיה'ס פעטער, ר' נחמיה'ס טאטע האט געהייסן ר' אברהם חיים, און ר' אברהם חיים מיט ר' ישעי' זענען געווען צוויי ברידער!

ר' לוי יצחק;

- א פרומע בלאט איז א "בלאט גמרא"!!! ארויס! ארויס!

*

(ההמשך חסר) - - - "רב ייסא סבא" - ס'איז שוין גרייט געווען צום טיש, און ער איז נישט געגאנגען עסן, ער האט געבעטן דעם אויבערשטן זאל איהם גיבן עסן, און ער האט אביסעלע צוגעווארט - איצטער האט מען שוין מיר געגעבן![לה]

"רב ייסא סבא" - ער איז דער "סבא" אין זוהר.

[לה] זוה"ק פרשת בשלח דף ס"ב ע"ב.

**אחד שואל;**

(לא נשמע ברור, כנראה ששואל בעניני דרכי האכילה דקדושה) - - - מען מוז דאך פשוט וויסן?! ס'אז געווען אזא - - מען האט אזוי געטוען מוז מען נאכטוהן?!

**ר' לוי יצחק;**

אוודאי אוודאי, ס'איז נישט שייכות צו רעדן! ס'איז געווען הייליגע מענטשן, זיי זענען געווען "שרפים ואופנים" - און די "מצוות הפשוטות" האבן זיי נישט אפגעלאזט! אז ס'איז געקומען צום עסן - מיט א שטיקל "שערי ציון" - געלערנט - -

*

# "וואס האבן מיר צו שמועסן פון אנדערע לייט"?!

**השואל;**

(לא נמע ברור)

**ר' לוי יצחק;**

מען דארף נישט רעדן פון יענעם! מען דארף רעדן פון זיך!

מיר דארפן אלעמאל אינזינען האבן דעם אויבערשטן,ביים לערנען - אלעמאל אינזינען האבן דעם אויבערשטן אינמיטן לערנען! און אויפהייבן די אויגן צום אויבערשטן - ממש דער לערנען - "המאור שבה מחזיר למוטב", "המאור שבה" - גיבט אריין אין מענטשן הרהורי תשובה!

אינזין האבן דעם אויבערשטן ביים לערנען! וואס איך לערן - א מימרא פון א תנא, פון א אמורא, דאס איז "שכינה מדברת מתוך גרונם"[לו], דאס רעדט דער אויבערשטער אליין ארוים!

דער רבי זאגט טאקע אין תורה י"ב[לז] - -

---

[לו] עי' בספר בעל שם טוב על התורה, פרשת נח - עמוד התפלה, בהגהות מקור חיים אות י"ג.

[לז] ז"ל ספר ליקוטי עצות ערך תלמוד תורה אות י"ג, (ע"פ תו' י"ב): צָרִיךְ לֵידַע קֹדֶם לִמּוּדוֹ, שֶׁבְּשָׁעָה שֶׁיּוֹשֵׁב לִלְמֹד הַצַּדִּיק שֶׁבְּגַן עֵדֶן צַיֵּת לְקָלֵיהּ, וּצְרִיכִין לְקַשֵּׁר אֶת עַצְמוֹ עִם הַתַּנָּא אוֹ הַצַּדִּיק שֶׁחִדֵּשׁ וְגִלָּה זֹאת הַתּוֹרָה שֶׁלּוֹמֵד, וְעַל־יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה נְשִׁיקִין בְּחִינַת הִתְדַּבְּקוּת רוּחָא בְּרוּחָא, וְגוֹרֵם תַּעֲנוּג גָּדוֹל לְהַתַּנָּא. וְעַל־יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לִתְשׁוּבָה לְחַדֵּשׁ יָמָיו שֶׁעָבְרוּ בַּחֹשֶׁךְ, וְכָל זֶה כְּשֶׁלּוֹמֵד תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, כְּדֵי לְקַיֵּם מִצְוַת תַּלְמוּד תּוֹרָה שֶׁשָּׁקוּל כְּנֶגֶד כֻּלָּם, וְלִזְכּוֹת לְקִיּוּם הַתּוֹרָה עַל־יְדֵי זֶה וכו'.

אז מען דאווענט, מען זאגט ארויס איין 'שם' - הודו לה' קראו בשמו! נאר וואס דען - מען דארף גיין ווייטער - דער רבי רעדט אין תורה ס"ה, מען דארף גיין ווייטער - אינאמת'ן - ווי קען מען זיך אפשיידן פון א ווארט?![לח]

דאס אייניגע איז דער תורה אויך!!

מען דארף לערנען אסאך, און דאווענען אסאך, און - "דברים בטלים" נישט רעדן!

רעד נישט פון יענעם! פארוואס רעדסטו פון יענעם?! רעד נישט פון יענעם! לאמיר רעדן נאר פון זיך!

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן - מיר זאלן דאווענען און לערנען, און קיין דברים בטלים נישט רעדן! וואס דארף איך רעדן פון יענעם?! אז איך רעד פון יענעם - טויג עס נישט!

אז איך וועל זאגן "יענער רעדט" - וועט עפעס ארויסקומען דערפון?! דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן נישט רעדן!

*

## "אנגעקלאגט" דעם יצר הרע!...

השואל:

אין אומאן איז נישט געווען, מען האט מורא געהאט פאר'ן אויבערשטן, מען האט נישט גערעדט דברים בטלים.

ר' לוי יצחק:

דער יצר הרע איז אין אומאן אויך געווען! אין אומאן איז נישט געווען קיין יצר הרע מיינסטו?!

מען דארף דאנקען השי"ת אז ס'איז געווען דעם רבינ'ס ציון, האט מען גלייך צוגעקלאגט צום רבי'ן דעם יצר הרע! האט ער געכאפט א קלאפ!![לט]

[לח] עי' באריכות תו' ס"ה אות ב'; ...וְתֵכֶף כְּשֶׁיּוֹצֵא אוֹת רִאשׁוֹנָה, כְּגוֹן אוֹת בֵּי"ת מִתֵּבַת בָּרוּךְ, אֲזַי מְבַקֵּשׁ וּמִתְחַנֵּן מֵהַנֶּפֶשׁ לְבַל תִּפָּרֵד מִמֶּנּוּ, כִּי אֵיךְ תּוּכַל לְהִתְפָּרֵד מִמֶּנִּי וכו', עיי"ש.

אז מען איז געגאנגען צום רבי'ן, מען האט נאר דערציילט דעם רבי'ן, האט ער שוין געכאפט גוטע קלעפ - דער יצר הרע האט געכאפט קלעפ!

אז ער האט עפעס אנגערעדט דעם מענטש - האט ער שוין דערציילט דעם רבי'ן, האט ער געכאפט! היינט (- באותה התקופה שלא היה באפשרות לנסוע להציון הקדוש) דארף מען רעדן צום רבונו של עולם "בהתקשרות צום רבי'ן"[מ], דאס איז דאס!

*

## נעם ארויס א ספר און שוין!...

השואל:

באמת, אז מען גייט נאר אריין אין "שטוב" דארף איך רעדן דברים בטלים! (ר' לוי יצחק: ווער זאגט דאס?) איך זאג עס אזוי, איך זעה מיין יצר הרע!

ר' לוי יצחק:

**ס'איז דא א ווארט פונעם רבי'ן; "וואס מאכט איר נישט אייער ווייבער פאר חסידות"?! פארוואס מאכט איר נישט אייערע ווייבער פאר חסידות?! - האט דער רבי געהייסן - מען זאל רעדן מיט איר דיבורים פון תכלית!!**

השואל:

דאס איז זיכער!

ר' לוי יצחק:

נו, וואס זאגסטו? אז מען גייט אריין אין שטוב ווערט מען שוין פארברענט?!

השואל:

ניין, אין "שטיבל", איך זאג אין שטיבל! אין שטוב איז נישט געפערליך, איך מיין אין "שטיבל"!

ר' לוי יצחק:

אה, דו מיינסט אין "שול"?!!

---

[לט] עי' תו' ד' ענין וידוי דברים לפני הצדיק, ובפרפראות לחכמה שם ד"ה ביאור הענינים והתיקונים הנ"ל לעובדא ולמעשה לדורות עולם וכו'.

[מ] ענין התקשרות התפלות להצדיק, עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ב' אות ו', ותו' ט' אות ד', תו' י' אות ד' על מאחז"ל "מי שיש לו חולה בתוך ביתו ילך אצל חכם ויבקש עליו רחמים" וכו'.

נו, מען גייט אריין אין שול אריין, (אויב) האב איך א חבר וואס איך גלייך זיך מיט איהם - רעד איך מיט איהם אין תכלית! אז נישט - נעם איך ארויס די גמרא, נעם איך ארויס דעם לקוטי מוהר"ן, דעם שולחן ערוך, נעם ארויס א זוהר, און שוין!

- - -

הער זיך איין! גיי שפאר זיך צו אביסל אין שטוב, וועסטו ווערן אביסל אויסגעניכטערט...

היינט - טרונקען אסאך, רעדן אסאך, אבער וויסן "וואס" און "ווען" - וועסטו מארגן!...

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **מרדכי הלל עהרמאן** הי"ו
בארא פארק יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת נכדתו למזל טוב**

מוה"ר **אברהם דוד שווארטץ** הי"ו
ומחותנו
מוה"ר **מנחם דוד לאנדא** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת נישואי בניהם למזל טוב**

מוה"ר **שלמה הכהן שווארטץ** הי"ו
לאנדאן יצ"ו
**לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב**

מוה"ר **שמעון ישראל וואלטער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת היכנס בנו לעול התורה והמצוות**

מוה"ר **יוסף מענדל האס** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת תגלחת בנו למזל טוב**

מוה"ר **משה אהרן שטויבער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו נחמן דוב נ"י למזל טוב**

מוה"ר **יוסף דוד טייטלבוים** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**